STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08873

IRLIKHT

Jacob Stodolsky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּערזענלעך פֿון

לואיז סטאַנדאַלסקי סילווער

דורך דער

געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדישער אַקאַדעמישער בילדונג

יעקב סטאדאָלסקי

אירליכט

פֿאַרלאַג נאָב

ניו יאָרק, 1988

Copyright 1933
by
JACOB STODOLSKY
New York, N. Y.

490

געדרוקט אין אַסטאָריאַ פּרעס, 61 א. 4טע סט., ניו־יאָרק

לואיזען

אינהאַלט:

1. פּאַרלידער

אויף די פליגל פון מיין גלויבן — 11
א שוימער — 12
יעהאָווע — 13
ניוואָרט — 14
פּאַטער־זון סינטעז — 16

2. שטאָט־פּאַנעלן

ניו־יאָרק — 21
סעקאָנד עוועניו — 23
Ocean Parkway — 28
שויבן — 31
הויכן — 33

3. אירליכט

צום טייך — 39
א נאכט־געזאנג אָן ווערטער — 41
נאכט — 44
אן אימפּרעסיע — 45
דיאָנים — 47
אפּריל־לעגענדע — 49
הארבסט־ווינט — 50
אננא — 52
אָפענע טיר — 54
דיינע ווערטער — 55
דו וועסט קומען — 56
דיינע רייד — 57
וואָס בין איך געווען אין דיינע
הענט — 58
ווייסע בלומען — 60
יונג־ווירגינע — 65

4. שטראַזן

צוגאנג — 69
דער וועג — 70

צו די פּאָעטן — — — — — — — — 71
שלאַנגען — — — — — — — — — 72
איז מיר שווער געווען — — — — — 75
יאָרן — — — — — — — — — — — 77
ביי מיין טיר — — — — — — — 79
פּענטעס — — — — — — — — — 80
דעבס — — — — — — — — — — 81
סאָבוועי — — — — — — — — — 83
שטערבלאַך אָרט — — — — — — — 85
אויסגעריסענע בלומען — — — — — 87
דאָס געבורט פון ליד — — — — — 89
צו אַן אַלטן פּאָעט — — — — — — 90
מיינע געדאַנקען — — — — — — — 92

5. טויט

ריווקע — — — — — — — — — 97
קינדער פון גרויסן אומגליק — — — 99
הידרע — — — — — — — — — — 100
געבורטסטאָג — — — — — — — — 101
ער — — — — — — — — — — — 102
פּאָרטרעט — — — — — — — — — 104
צו א שיינהייט — — — — — — — — 106
דער שטאַרבנדיקער בוים — — — — 107
אין קעגנוואַרט פון טויט — — — — 109

אויפן וועג צו מיר

די ערד האָט מיך אויפגענומען — 113
דער אויפלייז אין פּיין — — — — — 115
מיין ליוב דער ערד — — — — — — 116
אין דער פינצטערניש זוך איך זיך 118
מיין וועג דורך מיר — — — — — — 121
מויערן — — — — — — — — — — 122
גוט מאָרגן איך בין דאָ — — — — — 123
גרויסטאָג — — — — — — — — — 125
פּאַסטלוד — — — — — — — — — 128

פאָרלידער

אויף די פליגל פון מיין גלויבן.

די פליגל פון מיין גלויבן שפרייטן זיך
און הילן איין מיין פּנים
ווי א מאלעך אין געבעט.
מיינע שאפנדיקע טריט וואָס כ'טרעט
זיינען בארעכנטע און געלאסענע,
ווי די פאָעטישע וויבראציעס
פון מיין איצטיקער רו.
נאָר מיין גייסט, אין אַסקעטישע אינספּיראציעס,
באצויבערט, ווי אויף אַ הייליקער כאַסענע,
שיפט העלזואונגען פאר מיינע זעלישע אויגן
און פליסטערט שטראָמיק־שנעל ווערטער,
וואָס איך וועל שפּעטער פאַרשטיין:

לויב צו דיר, מיין גלויבן.
לויב צו דיר, מיין גייסט.
אויך איר האָט זיך אַ וואוינאָרט געמאַכט
אין דעם האַרץ פון מיין אידיש:
איך בין אַ זון פון א כאָסיד
און וועל אַלעמאל בלייבן כסידיש.

אַ שוימער

ווי פאַר אַן אַלטן דעמב
זיינען יאָרן פאַר מיר פאַרבייגעגאַנגען.
אויף די בלעטער פון מיין שטאַם
האָבן דוירעס זייערע מאַיסים פאַרשריבן.
איז מיר געבליבן, אַ שוימער צו זיין.
דער צופאַל האָט מיך אויסדערוויילט
אַ שוימער צו זיין.

בייזע נעכט האָבן מיט דונערן געשראָקן,
האָבן ברענענדיקע בייטשן צו די הימלען געוואָרפן;
ווען זיי זיינען צוריק צו דער ערד געפאַלן
האָט שוין שטאָט און וואַלד געברענט.
וואָס האָב איך געקאָנט טאָן
ווען פלאַמען האָבן מיין קאָפּ געגלעט
און מיינע גלידער געזעגנט?
פאַרדרעגנט אין זיך בין איך יעדן ווידערשטאַנד אויסגעשטאַנען,
מיט האַלב-בלינדע אויגן פונם בראַנד
האָב איך אַלץ וואָס איז מיין אַנדענק טייער געווען צונויפגעקליבן,
ווייל עס איז מיר געבליבן אַ שוימער צו זיין.
דער צופאַל האָט מיך אויסדערוויילט
אַ שוימער צו זיין.

יעהאָווע

איך נויג מיך ניט פאַר דער קריסטלאַכער דאָגמע.
(יעדע אַנדערע דאָגמע אריינגערעכנט).
איר הויפט מיסטישער געדאַנק,
אַז פריער איז געווען דאָס וואָרט,
געבערט מיך ניט.
מיך שאַפט און נערט
דער רעאַל-וואונדערלאַכער אידישער געדאַנק,
וואָס איך וועל אים דאָ מאָדיפיצירן: —
פריער דאַרף מען זיין — אַ גאָט,
פריער דאַרף מען זיין — אַ מענטש,
שפּעטער קריגט דאָס וואָרט וואָג,
דער טאַט באַדייט.

יעהאָווע, גאָט פון מיינע עלטערן!
וויפל טראַנספיגוראַציעס
האָסטו געדאַרפט אַדורכמאַכן
ביז דו האָסט זיך
אויפסנייַ
באַזעצט
אין דעם האַרץ פון מיין האַרץ.

גייוואָרט.

דאָס פריערדיקע לעבן האָט מיר אַ לאָזונג און אַ וואָרט
בעיערושע איבערגעגעבן.
שווער איז דאָס געזאַנג און דער איבערגאַנג
איבער איינעמס וואָרנדיקע שוועל פון לעבן.
נאָך שווערער איז דער איבערטריט
איבער דעם טראַדיציאָנעלן טורעם פון וואָרט.

אָבער —
איך בין געווען יונג.
פוס-גרינג
האָב איך זיך גלייך געשטעלט
אויף דעם אָפּשפּעטערם אָרט;
און פון דאָרט
האָב איך געהאַלטן אין איין פייערן
אויף די פאַרקערפּערטע געשטאַלטן
פון וואָרט,
וואָס דאָס פריערדיקע לעבן
האָט מיר בעיערושע איבערגעגעבן.

ניט איינמאָל
האָב איך געזען
דאָס פאַרלעצטע אויסזען פון וואָרט
ליגן לעבן מיינע פּיס,
ווי היילקטימער פאַר אַ לעסטערערם אויגן.
אָבער איך האָב שוין געהאַט דאָס האַזע-קלייד
אויף מיר אָנגעצויגן,
און פון הוילע פראַזן
האָב איך מיר אויסגעשניצט און אויסגעפּוצט
מיט הילצערנע שווערד און פּאַלענבויגן.

נאָר איינמאָל איז געשען:
איך האָב די קליידער פון מיין עלטער
אָנגעמאָסטן
אויף דעם יונגן געשטאַלטלינג
פון מיין נייוואָרט.
און איך וואונדער האָב איך דערזען
ווי טיף ענלאַך ער איז געווען
צו דעם וואָרט,
וואָס דאָס פריערקע לעבן
האָט מיר בעירושע איבערגעגעבן.

איך האָב געזען און זיך געשעמט.

פאָטער-זון סינטעז

מיין ברודער בנימינען

איך בין דיין
פאָטער,
דו ביסט מיין
יערושע.

איך בין דו,
און דו לעבסט
אין מיר.

אין דיר לעבט
מיין טומע,
מיין קעדושע.

דאָס רעטעניש
איז דערקלערבאַר —
איבער מיין כאַראַקטער
ביסטו דער גאַנצער האַר.

צו טראַכטן אַזוי דעאיסטיש—
דיין נייגונג

וואוינט אין מיר...

דו ביסט דאָס גייסטהויז,
צו דיין אַריינגאַנג
בין איך די אילוסטרירטע טיר.

כ'נעם אַלץ אָן,
וואָס דו האָסט מיר געשאָנקען,
כאָטש כ'וואָלט געהאַט
עפּעס אויסצוזעצן.

— פאַרגיב מיינע
לעסטערדיקע רייד. —
איך בין דיין פעלער
און דו מיין באַשייד — — — —

נאָר איין זאַך
איז מיר אומפאַרשטענדלאַך,
קאָשע, טאַטע!
דיינע לעצטע ווערטער
אויפן בעט פון טויט;

האָסטו געוואָלט איבערדרייסן
אַלע אַדעריקע בענדלאַך,
וואָס האַלטן מיך
צוגעקניפּט צו דיר? —

(א. אגאנישע ספּיקעס
אין א קאָפּ פון א גויסעס —
כ'שטיי אין האַלב פאַרווירונג

טאַטע, —
דאָס איז — אומגלויב
אַראָפּוועג, פאַרפירונג.)

דיינע לעצטע ווערטער ווענן טיר,
„וואָס וועט פון יאַנקלען זיין
דער ווערט?"

טאַטע,
האָסטו גאָרניט געהאַלטן
פון טראַדיציע,
פון באַשערט?

דו קומסט פון קאָצק,
פון גער, פון מאָקעוו.
איך כאַפּמע מיין נאָמען ——————— יעקב

שטאַט-פּאַנעלן

ניו יאָרק

ניו יאָרק.
לעבן די פּיס פון דיינע אינדזלען,
ליגן און וויגן זיך דיינע וואַסערן.
אויף זיי שווימען די שיפן פון דיין קאָמערץ;
די יאַכט-שיפן פאַר וועמעס פאַרגעניגן;
די אומגעלומפּערטע פּערי-שיפן,
וואָס פירן דיינע פּראָסטע קינדער,
די שווערע באַלמעלאָכעס,
יעדן טאָג פון דער אַרבעט און צו דער אַרבעט;
שיפן וואָס רימען דיין שטאַרקייט
איבער דער גאָרער וועלט.

די אָדערן פון דיין אַנאַטאָמיע
האַלטן צוזאַמען
דיינע קינדער-שטעטלאַך, דיינע קינדער-דערפלאַך,
וואָס ציען זייער כעיונע פון דיינע ראַכוועסדיקע בריסט.

מוטער פון אַלץ,

גוטע מאַמע,
פון די,
וואָס גלייך ביים געבורט
געפינען גליק-לעמפלאך אין זייערע וויגן
אויפצוהענגען אין די קאַרניוואל-טעג
פון זייער שפעטערן לעבן.

שלעכטע מאמע,
פון די,
וואָס דו האָסט נאָך קיין איין מאָל
די זון ניט געלאָזט לייכטן פאַר זייערע טירן,
און וועמעס טעג זיינען געגליכן
צו פינצטערע פאַרדעכטיקע געסלאַך,
וואָס מען וויל שנעלער אריבערלויפן
קעדיי פרייער אויפצואָטעמען.

מערדערן מוטער,
פון די,
וואָס דו האַרגעסט יעדן טאָג, גערן און אומגערן.

סעקאַנד עווועניו.

פון דער צוויי־און־צוואַנציקסטער גאַס
ביז דיינע ערשטע שוועלן,
מיין אַמאַליקער שפּאַציר
איז מיר געשטערט געוואָרן
דורך די כצופישע אויגן
פון דיין איבער־ליכט.

דו האָסט דיין אייגענע שיינקייט ניט געקענט.
האָסטו די ביימער פאַר דיינע טירן
געלאָזט אַרויסרייסן.
האָסטו קרעמער איינגעלאַדן,
האָבן זיי די הערצער פון דיינע הייזער
דורכגעלעכערט,
און אין ברייטע הויכע פענצטער
אַריינגעפּאַסט:
עסן, עסן, עסן.

די קליינע שמאָלע געסלאַך,
וואָס קרייצן דיך דורך,

אַנטלויפֿן
ווי יונג-פֿאַרשעמטע מיידלאַך,
ווען די נאַכט קומט אָן,
זיי זאָלן דיין פּאָנים ניט זען.
פֿון שלאָף
הייבן זיי, דערשראָקענע,
זייערע קעפּלאַך אויף,
צעטומלטע פֿון ראַש
פֿון דיין געמאַכטער לוסטיקייט.

דו, מער פֿון אַנדערע גאַסן,
האָסטו דיר מיט אַ ברייטערן הימל געקאָנט פֿאַרגינען.
איך האָב געפֿונען טרייסט
אין די שאָען פֿון מיין אומרו
שפּאַצירנדיק דורך דיר.
האָסטו אָבער
מיט די ראַקעטן פֿון דיין ליכטיקייט
די נאַכט-מיסטעריע
אויף שוואַרצע שמאַטעס צעריסן.
הענגען זיי איצט
איבער דיין קאָפּ.
דעם טאָג איבער דיר

האָסטו אויך שענער ניט געמאַכט.
די אויסגערונענע אויגן פון דיינע שילדן
פאַרמיעסן
די ליכטיקייט איבער דיר.

אויף דיין קאָפּ
פאַלט ניט דער שטאָלענער געבראַזג
פון די הויך־באַנען.
דיין אינגעווייד
ווערט ניט אויפגעריסן
פון די גרילציקע געשרייען
פון די טראַמווייען.
לויפט ווען אַ קאַר פאַרביי דיר,
דאַכט זיך מיר,
אַז זי באַרירט קוים די ערד,
דיך ניט צו שטערן.
דו דערזעעסט זי אָבער,
ווערן דיינע אויגן ציניש־גרעסער.
פלאַצט דיין געלעכטער —
ווי פון פאַרמאַכטע פעסער אַרויס —
איבער איר נאַאיווקייט.
הייבט זי אָן שנעלער צו לויפן.

אײלט זיך צו אַנטרינען פֿון דײַנע אויגן.

די באַשײדנקײט
איז שוין לאַנג פֿון דיר אַנטלאָפֿן.
װײסטו מער ניט פֿון קײן שאַנד.
קינדער בײַ די הענט
הערן אויס
די לעסטער-רײד פֿון דײַנע זװינעס.
יונגע מײדלאַך
מיט גלאַנצנדיקע אויגן
װינטשן זיך די פֿאַרביקע אונטערװעש
פֿון דײַנע אויסשטעלונגען.

ניט צום גוטן איז געװען
דײַן באַװערן זיך
מיט דײַן שאָכנטע: די פֿערצנטע גאַס.
בײַנאַכט,
װען איך זע דיך,
װײס איך ניט װער איז װער.

מיט מענטשלאַכע לעבנס
שפּילסטו זיך מיט דערזעלבער לײַכטקײט

ווי מיט דער צירונג אויף דיין גראָבן בויך.
און ווען עס איז שוין שפּעט —
דאָ און דאָרט
דערקענען זיך שוין
די ווייסע טריט פון דעם אָנקומענדיקן טאָג —
איז דיין לײדנשאַפט נאָך אַלץ ניט געזעטיקט.
דו נעמסט שוין שליסן געשעפט נאָך געשעפט,
אָבער דו האַלטסט נאָך דיינע כיטרע אויגן אויף:
ווּעמען נאָך אָפּצוהאַרן, וועמען נאָך אָפּצונאַרן.

אָבער קיינער איז דאָך ניט פאַרדאָרבן
ביז דעם לעצטן אָדער זיינעם,
וויים איך, אַז אין שאָען פון דיין עלנד
פאַלן פון דיינע אויגן
טרער נאָך טרער.

OCEAN PARKWAY

דורך די ברוינע גאַרדינען פֿון מיין פֿענצטער
שפּאַרט זיך אַריין די לעוואָנע.
זי זעט אויס ווי אַ פֿייער־צונג פֿון אַ ריזיקן לאָמפּ,
אָבער די טונקעלע שאַטירונגען פֿון די גאַרדינען,
ווי וואָלקנס וואָס וויקלען זיך איבער איר פּאָנים,
פֿאַרקלענערן איר ליכט.

דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער,
און ביז צו דער ווייטסטער ווייט,
וואָס מיין נאַכטיק אויג קאָן דערגרייכן,
זעט דער גאַנצער דרויסן אויס
ווי אַ הויז,
וואו אַלע מענטשן שלאָפֿן שוין,
נאָר איינצלנע זיינען נאָך וואַך,
קוים כאַפּט זיך אַ קליין קינד אויף,
אַ קראַנקן מיט עפּעס צו פֿאַרלייכטערן.

דאָס דעמער־ליכט פֿון דער גאַנצער נאַכט
הויבט אַרויס ביימער
פֿון אַנדערע נעכט

און מאָלט זיי, און צייכנט אין טונקל גרין,
אויף אַ הינטערגרונט פון גרוי און זילבער.

שוואַרצע שטיקער נאַכט ווי ריזיקע נעגערס
שלאָפן צווישן די הייזער.
זילבער־שאָטנס פלעקן זייערע לייבער.
איידער די זון וועט נאָך אויפגיין
וועלן זיי מיט געלעכטער
אויפוועקן די גאַנצע געגנט.

דערווייל איז שטיל.
די שטילקייט אַליין ווערט שטילער.
בלויז שטילקייט.

אָבער דער יאַם שלאָפט נים.
אויף זיין גרונט האָבן די ווינטן
זייערע אַרגיעס אָנגעהויבן.
די קוילעס פון זייער לוסט
טראָגן זיך,
ברייטן
און צעשפּרייטן זיך
איבער זיין אויבערפלאַך.

דער יאַם וויגט זיך.
דיווינטן טויכן פון זיינע טיפענישן אַרויס
און מיט נאַסע פיס נעמען זיי לויפן איבער דער אַלייע.
מיט זשעדנע הענט
כאַפּן זיי אַרום דיביימער,
צווייגן און צווייגן פּלאָנטערן זיך,
בוים צו בוים ווערט נעענטער.

די נאַכט אין אירע שוואַרצע אָרעמס
האָט גליק פאַר מיר געגרייט.

שויבן

שויבן — אויגן פון הייזער — זעען נים:
זיי זעען נים דאָס אינוווייניקסטע לעבן,
זיי זעען נים דאָס אויסווייניקסטע לעבן,
— ווען יאָ?
וויפל פון זיי וואָלטן געלאַכט?
וויפל פון זיי וואָלטן געוויינט?

שויבן — אָפענע אויגן פון הייזער — זעען ניט:
זיי זעען נים די זילבערנע מיסטישע פינצטערנישן פון לעוואָנע־נעכט,
זיי זעען נים די פורפורנע נעפלען,
וואָס הענגען, ווי רוימישע טאָגעס איבער די פּאַרמעגנס פון טאָג.

אָבער אַמאָל —
ווען די זון טוט די קרוין פון איר דערהויבנקייט אָן
און די גאָלדענע שטראַליקייט פון איר גאַרדעראָב
פאַלט אַראָפּ
אויף די זעענלאָזע אויגן פון די הייזער,
זעען זיי אויס —
ווי די בלינדע, אינספּירירטע און הייליקע פּאָעטן.

וואָס האָבן אין מיטן טאָג די וויזיע פון דער אַדימיי
און פאַרלוירענעם גאַניידן געזען.

עס טרעפט —
ווען דאָס בענקענדיקע האַרץ פון דער לעוואָנע
זוכט די באַהעפטונג פון די שטענדיק־וואַכעדיקע הערצער
פון טרוימער, פּאָעטן און פאַרליבטע,
און מיט באַטריבטע אויגן און שטראַליקע מיידל־פּים
גייט זי אַרום זוכנדיק
איבער די בלינדע און נאַכטיקע אויגן פון די הייזער —
זעען זיי דעמאָלט אויס
ווי די פּענימער פון הייליקע דערווישן,
וואָס זיצן אויפן זילבערנעם זאַמד פון דעם מידבער
אין די ערשטע טריט פון טאָג —
מיט פאַרמאַכטע אויגן און אונטער די שטערנס —
צערעבראַלע טפילעס צו אַן אייביקן גאָט.

הויכן

אויפן ראַנד פון אַ פאַרנאַכטיקן הימל,
אין דער לעצטער שאָ,
ווען דער טאָג גייט ווי אַ טראַנס
איבער די קרישטאָלענע שוועלן פון די הויכן; —

ווען אַ הייליקע פרייד,
ווי אַ געטלאַכער שאַנס
שפרייט זיך
ווי פאַנטאַסטישע פליגל
איבער דעם פאַרטראַכטן פּאָנים פון די הויכן
און ווערט צעבלאָזן און פאַרפאַלן
אין צויבערטייכן פון שטראַמיקע מעטאַלן; —

אין מינוטן
ווען נאָר דער דערהויבענער שטאַנד
קאָן דערגרייכן
די לויטערע זעליקייט פון געמיט, —

האָב איך געזען אויפגיין

ווי אַ וואונדערליד
פאַרקישעפטע גערטענער:

האָרט לעבן זייערע עטערישע צוימען,
נאָענט לעבן אַ שטראָם,
וואָס איז געלאָפן אַרום גאָלדענע זוימען,
זיינען ביימער געשטאַנען אין סאַמע פּאָנים פון דער זון.

פון זייערע געקרוינטע און פאַרנאַכטיקע קעפּ
זיינען אַראָפּגעהאָנגען אויסגעטראַכטע פּיירעס
וואָס מען קאָן צומאָל אויף דער ערד ניט געפינען.

אין דעם הינטערגרונט
פון דידאָזיקע לופט-גערטענער
האָבן זיך פּאַלאַצן געבויט,
לופט-שלעסער,
וואָס נאָר די פאַנטאַזיע
האָט די ווערט צו מאָלן.

גערירט און פאַרווירט פון עקסטאַז,
מיט מיינע הענט צו די הויכן געווענדט,

האָב איך געבעטן:

„וואונדערלאַכע הויכקייטן,
„ניט דערגרייכבאַרע הויכקייטן,
„ווייטקייטן וואוהין די הענט פון מיין פאַרשטאַנד
„דערגרייכן זייער זעלטן;
„אַסטראָנאָמישע הויכן,
„וואו די קלוגסטע מויכעס
„בויען נאָר בלויז
„טראַנסצענדענטאַלע און היפּאָטעטישע וועלטן, —

שיקט אַראָפּ די פּיירעס פון מיין גלויבן
„זיי זאָלן מיר דויערן אַ גאַנץ לעבן."

די הויכקייטן האָבן געשוויגן.

האָב איך ווידער געבעטן:

„קינדער פון הימל, ווייס־פליענדיקע מאַלאָכים,
„וועמעס פליגל טראָגן אויף זיך
„אַלע פאַרבן פון דער זון
„און וועמעס אויגן לייכטן מיט דער קלאָרער ריינקייט
„ווי די אויגן וואָס זיינען
„קיינמאָל ניט באַלעסטיקט געוואָרן
„פון פריינד אָדער פון סאָנים,

„און וועמעס קערפּערס וויברירן
„ווי די קערפּערס פון מאָרגן-טייכן
„ווען די הענט פון דער זון
„זיינען אויף זייערע עלאַסטישע פאָרמען.

„ברענגט אַראָפּ אין זון-געפלאָכטענע קוישן
„די פרוכטן פון מיין גלויבן
„זיי זאָלן מיר דויערן אַ גאַנץ לעבן."

די מאַלאַכים האָבן זיך ניט באַוויזן.
אַ ריזנהאַנט האָט פאַרזיגלט דעם טאָג.

אירליבט

צום טייך

צו דעם טייך אויף וועמעס גרינעם ראַנד
איך פֿאַרברענג אַצינד
זאָג איך אַזוי:

אָ, וואַסער,
וועמעס פּנים די נעכט האָבן פֿאַרמירמט
אין גרין, שוואַרץ און בלוי;
אין וועמעס טיפֿעניש עס ליגט באַהאַלטן
דער שוואַרצער קישעף פֿון דער נאַכט,
דער גאָלדענער צויבער פֿון טאָג;
אין וועמעס כוואַליקן געררויש
איך הער דאָס געזאַנג פֿון די שוואַנען,
דאָס גאָלדענע פֿלאַטערן פֿון די פֿאַרנאַכטיקע פֿייגל
וואָס פֿליען איבער דיר
צו זייערע היימען.

אָ, מוטער,
פֿון דעם גראָז אונטער מיר,
פֿון די ביימער אַרום דיר,
פֿון די וואָלקנס איבער דיר,
פֿרייד פֿון קליינע קינדער בייטאָג,
פֿון טרוימער ביינאַכט,

פאַרוואַנדל מיך
אין איינע פון די בעטנדיקע שאָטנס
אַרום דיר.

אַ נאַכט־געזאַנג אָן ווערטער

מיט אייגענע פאַטאַל־קראַנקע הענט
האָבן זיי דעם קישעף־נעץ פון אַזויפיל
מיט גאָלד צענויפגעשפּינטע ווערטער
צעריסן און איבער נאַכטיקע וויסטן צעשפּרייט.

אַ בלינדע נאַכט איז אָנגעשטאַנען
און געפּראַסטיקט אַפילע
דאָס וואַרעמסטע לייב פון וואָרט: —

אָ, נאַכט, אָ, פאַלש ווייב
פון דעם געטרייסטן מאַן פון טאָגיקן פאַרזיכט,
פאַריכט קריק די נעץ פון ווערטער,
איידער זיי גרייכן די טיר פון טויט.

מיין געהער האָט פאַרנומען
דעם וויַיטסטן רוף פון שפּעטער,
דאָס געבעט פון לעוואָנע בעטער,
ווען ווערטער האָבן זילבערדיק געכאַלעשט
פאַרלאָזט פון געוואַגטע רעטער;

מיט אויגן אין טרויער האָב איך געזען
ווי נאָך לעבנס זענען פינצטער געוואָרן
פון צאַנקנדע ליכט פון שטאַרבנדיקע ווערטער.

אָ, גייסט! אָ, אינהאַלט פון לעבנס,
וואָס גייען אַזוי זעליש אויס
דורך פלעווען פון אַנטאַרטע ווערטער.

מיט אָוולדיקע און געשטאַרקטע הענט
האָבן זיי קערפּער פון געשטאַרבענע ווערטער
צו שוואַרצע אורנעס פון דער נאַכט אָפּגעגעבן.

אָ, אומגלויב צום טויט, —
אָ, ווילגלויב צום לעבן, —
וועק ניי־געבורט כאַלוימעס
אין ווייטסטע מעקוימעס פון באַנגע הערצער —

אָ, אַלכעמיע פון לעבן
אָ, נאַכט־ווינט, געפליגלטער
ריטער פון שטורעם־געטער —
וועק, טרייסט אין טויטע היימען פון פאַרלאָזטע הערצער,
ווען ווערטער האָבן אָפּגעזאָגט זייער פליכט.

אומגעריכט, מיט לופטיקע, מאַגישע פינגער
האָט דער נאַכט-גייסט טויטע ביינער
פון שטאַרבנדיקע ווערטער באַרירט
ווען פלוצים האָבן זיי דימענטנדיק
זיך אויפגעהויבן און ווי זון-געבוירענע פייגל
צו די שוואַרצע רוימען פון דער נאַכט פאַרפלויגן.

נאַכט

עס האָט ווער
שוואַרצע וואָלקנס
איבער די קעפּ פון די טעג פאַרוואָרפן
און פירט זיי,
ווי מיך אַצינד, אין פינצטערניש אַרום.
איז מיר גוט
אַרומצוגיין מיט מײַנע פאַרגאַנגענע טעג
אויף די פאַרוויסטע וועגן פון דער נאַכט,
וואָס פירן צו גאָרנישט.

נאַכט,
צעשאָר בלויז די אומרואיקע וואָלקנס.
זאָל די מילדקייט פון די שטערן
פאַלן צו מײַנע פּיס,
זאָלן די גרין־זילבערנע הענט
פון דער לעוואָנע
מיך דערגרייכן.

אַן אימפּרעסיע

ווילדע פערד
טראָגן זיך
איבער די וואַסער-סטעפּעס פון יאַם —
אויף מיר.
שרעק האָט זיי די גריוועס אויפגעשטעלט;
פאַרווירונג צינדט
טונקל-גרינע פייערן
אין זייערע אויגן;
אימפּעט בלאָזט זיילן פּאַרע
פון די ציטערדיקע נאָזלעכער
צום הימל.

באַלד וועלן זיי אויף מיר אַרויף
און אַ צעטראַמפּלטער וועל איך ליגן
אונטער שלאָגנדיקע נאַסע קלאָען.

אָבער די לעוואָנע
האָט זילבערנע לייצעס
איבער זייערע קעפּ פאַרוואָרפן.

אויף די הינטערשטע פיס זיי אויפגעשטעלט.
דורך די כוואַליעס,
וואָס שלאָגן איבער זייערע קעפּ,
זעען אצינד זייערע אויגן אוים,
ווי איבער גרינעם מאַרמאָר
וואַלטן וואסערן שטראָמען.
פון זייערע אָפענע מיילער פאַלט
אַ זידנדיקער שוים
און שווימט
אין הויפנס אָפּגעפּליקטע ווייסע בלומען
צו מיינע פיס.

דיאָנים

ווי שוואַרצע נעגער־מיידלאַך
מיט פריש־פּאָלירטע, בראָנזענע קערפּערס,
שטייען דאָ — — —
יונג־פאַרקלערטע, פּראָבלעמאַטישע פרילינג־ביימלאַך —
צוויבער־קאָלעם —
גרייט צו אַ כופּע־נאַכט ריטואַל — — —

אויף זייערע וואַקסישע קעפּ,
בליט דער פרילינג־צוויט,
און גליט אויף אין קאַלטע פלאַמען
פון וואונדערלאַכן אָפּאַל,
און פאַלט צו זייערע פיס,
ווי אַ קאָלירטער שניי אויף קעפּ פון אַ פאָלק־קאַרניוואַל.

(פון דער זון אַראָפּ,
און פון אַ גאָלדענעם באָקאַל —
גיסט דיאָנים —
דער האַר —
ראָז־און־פיאָלעטענעם נעקטאַר.)

פון אונטער זייערע פיס
שמעקט דער פרישער רעזאַנירנדיקער רייאַך
פון דער יונגער עראָטישער ערד
און שפּרייט זעלטענע אַראָמאַטן
וואָס רייצן מיין פילונג־כוש,
און ווייררויכן מיין געזאַנג
ביז צו שיקרעס
פון אַן עקזאַלטירטן געדאַנק — — — —

אַ, יונגע נעגער־ביימלאַך!
ווען מיינע פינגער פילן
די אויפגעוואַכטע פרייד
אונטער אייער הויט, —
ווייס איך,
אַז די זון האָט זיך דאָ
מיט טונקעלע שלייערן געשפּילט
און פאַרהילט
ווייס לייב
צו באַשיצן אייער קאַפּריזנע בלוט
פון וועמעס בראַנד — — —

אַפּריל-לעגענדע

ביסטרע און טונקעלע ווינטן אין דעמער
איילן פאַרביי מיר,
ווי אין אַ באַלויכטענעם נעפּל געשטאַלטן;
שטראַליקע געוואַלטן פון געדייצטע פליגל
איבער טיר און ריגל.

דאָס אַפּריל-מיידל
רייסט אויף יעדן פאַרכאַסמעטן ווינטער-זיגל
און ווישט אוים דעם לעצטן פאַרטויטן שפּיגל.
און צירט אים אוים מיט וואַרעמע אויגיקע בריליאַנטן.

דאָס אַפּריל-מיידל
רייסט דאָס אויגיקע היטל
פון דעם ווינטער-מאַן דעם קאַלטן.

אירע שייניקע הענט, ליכטיקן איבער אַלע געגנטן און קאַנטן,
איר אויסזען — דער זון-כויסעם
פון אַלע זומערדיקע אינהאַלטן.

האַרבסט־ווינט

דורך די פאַרשטעלטע זומער־וועגן
רייסט זיך דער האַרבסט־ווינט —
איך פיל שוין זיין אָטעם, זיין קומען.
באַלד וועט ער זיך אין שטאָט אריינרייסן,
ער וועט די ביימער פון די גרונטן רייסן
און פאַרשטויסן מיט זיינע פיס.

אויצרעס מיט גאָלד וועט ער מיט זיך ברענגען
און איבער הייזער און גאַסן צעשפּרייטן.
א לעצטער גאָלד־שטראַל וועט אויף א פּאָנים פון א גויסעס פאַלן,
רופן אים צום לעבן,
און נאָך שווערער וועט זיין זיין טויט.

האָרך: דער האַרבסט־ווינט קומט.
אויף זיינע פליגל טראָגט ער דעם ווייסן שטויב פון ווינטער;
מיט זיין אָטעם וועט ער אויסציען
דאָס פילבאַרביקע לעבן פון געוויקסן און קרייטאַכער.
ווי קראַנקע קינדער וועלן זיי ליגן פאַר אונדזערע פענצטער.

דער הארבסט-ווינט קומט.
איך הער שוין זיין סאָפּען-געלעכטער,
ווי ער לויפט איבער די פרערים,
באַגלייט פון שאָטנס,
באַגלייט פון פאַלנדיקע ביימער.

אנגאַ

מײַן אייגן בלוט זינגט אין מיר.
אין די פאַרהילטע ווידענע שאָען פון פאַרנאַכט
האָב איך דיך אויסגעטראַכט.
אין יענער נאַכט,
ווען מײַן בלוט איז פּאַראַלעל צו דײַן בלוט געלאָפן,
ביסטו מײַן געליבטע געוואָרן.
פון אונטער דײַן היל אָפּער
האָט זיך דאָס גאָלדענע האַמערן פון דײַן האַרץ
אָן מײַן האַרץ אָפּגעציטערט.
מײַנע געדאַנקען,
באַרוישטע פון דײַן וועזן,
האָבן אַרום אונדז, ווי קליינע קינדער, געטאַנצט,
פאַרגעסן אין שפּיל.
שפּעטער האָבן קופּער־קלעפּ
דאָס גאָלדענע האַמערן פאַרהילכט;
נאָך שפּעטער
האָבן אײַזערנע הענט פון דער צײַט
אונדזער ליבע אין שטויב צעזייט.

מיר האָבן ניט געהערט,
מיר האָבן ניט געזען
דאָס שפּאָטן פון א מאַסקע
דורך די נאַכטיקע שויבן פון אונדזער גליק.
אָבער דער מאַסקן־לאַך האָט געקינדיקט
דעם סאָף פון אונדזער ליבע.

אָפּענע טיר

דו דערציילסט מיר פון זיין קומען,
פון דיין דערוואַרטונג,
פון דער טיר אין דיין האַרץ פאַר אים.

דו דערציילסט מיר
פון די פלאַמען אין זיינע אויגן —
בלויע אָזערעם
אונטערן שיין פון לעוואָנע;
פון זייער טונקל ווערן —
דער פּאַכאַד פון נעכט
געשפּיגלט אין זיי;
פון דיין שרעק
פאַר דעם גרויסן וואונדער —
דער ערשטער באַזין פון אַ מאַן.

מיט דאָרשטיקע ליפּן
האָב איך געזען דיך ליגן
ביי די ברעגן
פון זיינע אויגן.

דיינע ווערטער

ווי שיין זיינען דיינע ווערטער
פון דיין מויל אַרויסגעקומען:
ניי האָבן זיי פאַר מיר געקלונגען.
אַזוי האָט מען דאָס ערשטע ליד געזונגען.

די לעוואָנע איז איבער אונדזערע קעפּ —
מיט וויפל שיינע אויגן קוקט אויף אונדז די נאַכט.
איך האָב שטיל געשוויגן
און זיך איינגעהערט
ווי אונדזער רו —
פאָרט אויף גומענע רעדער ארום אונדז
און בענטשט אונדז.

איך האָב שטיל געשוויגן.
מיינע געבוירענע פאַרלאַנגען האָבן אַרויסגעקוקט
פון מיינע אויגן,
פון דיינע אויגן.

דו וועסט קומען

דו וועסט קומען
מיט דעם גאָלדענעם זאַמד פון דער מידבער
אויף דיינע פּיס;

מיט די פאַרבן פון אַ לאַנג פאַרגאַנגענער זון
אויף דיין קאָפּ.

פון דיינע ליפּן וועט זיך טראָגן
דאָס געלעכטער פון מיינע פריידיקע טעג.

איך בין אַמאָל אַ קעניג געווען,
האָב איך מיך פון מיין קרוין באַפרייט.

מיין צעפּטער
האָב איך אַ בעטלער אָפּגעגעבן.

אין דיינע אויגן
האָב איך דעם גלאַנץ פון מיין קעניגרייך געזען,
די מידבער פון מיין פרייד.

דיינע רייד

דיינע רייד
זענען צו מיין הארץ ניט דערגאַנגען.
מיינע בלינדע געפילן
האָסטו געפאַנגען ניט גענומען.
ווי צוויי פרעמדע
— נאָרוואָס נאָענטע —
זענען מיר זיך צעגאַנגען.
ווי די שפעט־נאַכט־גאַסיקע לאַמטערנעס,
אַזוי אומרואיק האָבן געברענט
די פאַקלען פון מיינע פאַרלאַנגען.

וואָס בין איך געווען אין דיינע הענט?

וואָס בין איך געווען אין דיינע הענט?
איך בין געווען דאָס ליים, דאָס שטרוי אין דיינע הענט.
דאָס ליים, צעשפּרייט איבער די בערג;
דאָס שטרוי — דאָס שפּיל פון ווינט.
איבער מיינע פלאַכן
האָבן זיך אָדלער צו זייערע פעלז-נעסטן געטראָגן;
ווינטן אין זייער מאַרש האָבן אויף פליטן געשפּילט.
האָסטו מיך פון דער זון אוועקגענומען,
פון די ווינטן מיך באַהאַלטן.
אונטער דעם קאַלטן שיין פון דיינע אויגן,
אונטער דעם הויך פון דיין אָטעם,
אונטער דעם סטיל פון דיינע הענט
בין איך אַ גוילעם געוואָרן.
איינמאָל —
באַהערשט פון די שיידים פון דיין לוסט,
האָסטו מיך, אין צעבראָכענע שטיקלאַך
אונטער דיין פענצטער געלאָזט ליגן.
האָב איך די לעצטע ברוך-שטיקער פון מיין סינע
אין מיין פאַרצווייפלונג געוואָרפן.

די פלאַמען, וואָס האָבן זיך לאַכעדיקע און גיריקע
פון מײַן בראַנד געריסן,
האָבן אויך דיך דערגרייכט.

ווייסע בלומען

1.

אויף די דערנער,
אָרום די ווייסע בלומען,
וואָס דו האָסט אין דער נאַכט
פֿאַר מיר אָפּגעריסן,
האָב איך דאָס בלוט פֿון דיינע איידעלע פֿינגער
אויף זיי דערקענט.
האָב איך מיט פֿאַרווירטע ליפּן
געקושט די דערנער
אָ, בליענדיקע קערנער
פֿון אונדזער זינגענדיק בלוט.

ווי טייער דיינע ווייסע בלומען זיינען ניט געווען פֿאַר מיר,
האָב איך זיי דאָך פֿאַר מיר ניט געהאַלטן.
איך האָב זיי
צו די בעטנדיקע אויגן
פֿון אַן אָרים קינד אין גאַס אָפּגעגעבן.

2.

דער גלאַנץ פון דיינע אויגן
טויכט אויף
די פאַרבאָרגענע ליכטער
אין די טיפסטע היילן פון מיין לעבן.

זיי היילן וויסטע שאָען
און ברענגען מיך צו דעם געמיט
פון א גאָט אין רו.

3.

נעכטן ביינאַכט
האָב איך זיך מיט דיר געזעגנט.
אויף מיין היים-וועג
האָט די גאַנצע געגנט
און איך —
אָן דיר זיך ווידער פאַרבענקט.
האָב איך מיין קאָפּ
צו דיין וועג געווענדט
און מיינע הענט
אין דער פינצטערניש צו דיר געצויגן.
עפּשער
וואָלט דער טאָג געלאַכט,
ווען ער זעט מיך
מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו דיר.
אָבער די נאַכט
איז זייער גוט געווען צו מיר.

4.

די נאַכט
האָט אירע לעצטע שלייערן
פון די גאַסן אויפגעהויבן
און זיי
אויף די קעפּ פון די הייזער
געלאָזט ליגן.
אין דער ערשטער שאָ פון טאָג
וויגן זיך דיינע נאַכטיקע אויגן,
יונג-בלויע
אויף מיינע אויגן.
לאָמיר וואַרטן אויף דער זון,
וועלן שפּעטער
בריליאַנטן-פלאַמען
לייכטן פון דיינע אויגן.

5.

עס האָט גערעגנט.
עס האָט גערעגנט.
האָבן די ביימער
זייערע גרינע הענט אויסגעשטרעקט
און זייערע קעפּ געוואשן.
ווען די זון איז אויפגעגאנגען
איז שוין טאָל און באַרג באַגראָזט געווען.

ווען איך האָב דיך דערזען
איז מיין פרילינג באַנייט געוואָרן.

יונג-ווירגינע

אין דעם לאנד פון דיין אונטערבאוואוסטזיין,
ערגעץ-וואו אין אַ פּאַרקישעפטן פּאַלאַץ,
אויסגעבויט און אויסגעטראַכט
אין צויבער-וועב פון יונג-ווירגינען —
דאָרט רוט און דרימלט דיין בענקשאַפט.

בלאָנדע יונגען מיט הימלען אין די אויגן,
פון דער זון אָנגעפלויגן,
כאַפּן זיך אויף מיט אַ מילדן ווילדן לאַכן,
און דאָס גאָלד פון געלעכטער
לאָזן זיי איבער אין די שטיבער פון דעם וואונדערלאַכן פּאַלאַץ.

אַלטע לייט קומען פון די היילן,
בויגן זיך,
נויגן זיך פאר דעם הייליקן אָרט,
און די מעלאַנכאָליע פון זייער געבעט
לאָזן זיי איבער אין די שטיבער פון דעם וואונדערלאכן פּאַלאַץ.

רויבער אין מאַסקעס

טוען זיך פון דער ווייטן יאָגן,
אויף דראַקאָנען־פליגל אָנגעטראָגן,
קלאַפן זיי — געווער אין שויבן,
שרעקן,
וועקן,
און דעם געפילדער פון קוילעס
לאָזן זיי איבער אין די שטיבער פון דעם וואונדערלאַכן פּאַלאַץ.

לעוואָנע־נאַכט, יונג־ווירגינען — טאַמבורינען אין די הענט,
שטערן אויף די קעפּ,
קומען — הימלשער געזאַנג אַראָפּ,
און די ווירע צויבערקייט פון שטימען
לאָזן זיי איבער אין די שטיבער פון דעם וואונדערלאַכן פּאַלאַץ.

שטראָז

צוגאַנג

אויף מיין אַרבעט-טיש שטייט ווי אַן אָבעליסק — אַ שטיק ליים— אַ סימבאָל פון מיר... יעדן טאָג, ווען מיינע אויגן עפענען זיך אויף, הייבט זיך אָן מיין מיאיקע ארבעט. — כ׳וויל אַנדערש ניט זיין ווי גאָט! אין דעם טויטן שטיק מאַטעריע אריינבלאָזן לעבן, א נעשאָמע און מאַכן פון דער לאָקאַלער זאַך אַ וועלט-באַגריף. —

איך רייס שטיקער בראַנד פון דער זון,
דעם שטראַליקן ציטער פון דער לעוואָנע,
דעם פּאַרדאַכט פון דער פינצטערניש;
פון די בערג — דעם אָטעם פון העכערע ספערן,
דעם טאָן פון די שטאַרקסטע ווינטן,
די דערנידערונג און דעם אויפהייב
און דאָס פאַלן פון דעם מענטשן,

און דאָס אַלץ קנעט איך אריין אין דעם ליימיקן לייב פון דעם ליים
... יעדן טאָג ווען מיינע אויגן עפענען זיך אויף, הייבט זיך אָן מיין געצוואונגענע אַרבעט צו מאַכן פון אַ מענטש אַ מענטשן.

דער וועג

איך גיי, —
וועגן נאָך ניט געזעענע
ליכטיקן אויף פּאַר מיינע אויגן,
ווי וויזיעס פון ניי־גלויביקע.

איך וואַרף פון מיר לאַסטן אַלטשטויביקע,
ס'פאַלן אויף מיר נייע — צו ווידערשפעניקן אין זיי;

אויפסניי
שאַף איך מיר פריינד,
שאַף איך מיר סאָנים,
דער וועג פון אַ ווידערשפעניקער
שפּרייט זיך שוין פאַר מיר.

די טיר פון מיין האַרץ איז אָפן
און פון דאָרט הערן זיך שוין סטראָפן
פון אַ ניי געזאַנג —
מיין האַרץ־טיר איז אָפן,
בלויז איינצעלנע טרעפן דעם אַריינגאַנג.

צו די פּאָעטן

א פרעמדער
בין איך פאַר אייך פאַרבייגעגאַנגען.
מיין גאַנג האָב איך ביי דער גרענעץ
פון אייער רייך אָפּגעשטעלט.
צווישן אייערע געצעלטן
האָב איך מיין געצעלט אויפגעשטעלט.
אויף דער פאָן,
וואָס איך האָב אויף דעם דאַך אַרויפגעצויגן,
האָב איך אויפגעשריבן:
דאָס ליד פון דעם איינזאַמען.

שלאַנגען

דורך די באַהויכטע פענצטער
זע איך אייך פויזען, פאַרטרויטע,
איינע איבער דער אַנדערעס העלדזער.
פון אייערע אָפענע מיילער
קוקן טויטע קלאָלעם ארוים,
אָבער איר קאָנט קיינעם ניט שעלטן.
פלינקע הענט
האָבן דעם גיפט פון אייערע צינגלאַך אויסגעקוועטשט —
צינט איר זיך ווי לאַנגווייליקע טעג איבער מיר,
אייערע אויגן —
אַ שטייענדיק וואַסער איבער אַ גרינער זומפּ
ווען דער זונס פּאָנים איז אויף דעם.
אייער עלאַסטיק
טאַנצט עפּילעפּטישע טענץ.
אייער רייץ — בלייך און קאַלט —
מייל־שטיינער אויף ווינטער־וועגן.

אָבער דאָך האָב איך אייך אַמאָל געליבט
און מוירע געהאַט פאַר אייך — —

נים איינמאָל — אין מיינע כאַלוימעס —
געפירט און פאַרבלענדט
פון אייער רייצנדיקער מאַניע —
האָב איך מיר אין טראָפּישע וועלדער
ארום אייערע נעסטן געזען;
דורך די שאָטנס, וואָס זענען פון די ביימער
אויף מיר געפאַלן,
האָב איך די גרינע סינע
פון אייער אויגן אויף מיר דערפילט;
נים איינמאָל האָב איך מיך געזען
ארומגעכאַפּט פון אייך,
אייערע אָפענע אויגן קעגנאיבער מיין האַלדז.

איצט זייט איר געוואָרן דאָס שפּיל
פון אַן עקסצענטרישע צירקוס-דאַמע:
וויקלט איר זיך אַרום אירע הענט,
קוקן אייערע פלאַטשיקע קעפּלאַך
פון איר ווייסן נאַקן אַראָפּ
און איר האָט אַפילע נים דעם קויאַך
אין איר ווייסן לייב זיך איינגיפטן
און מיינע טרערן אַרויסרופן
צו הייליקן אויפגעדעקט לייב
פאַר אַזויפיל גיריקע אויגן.

איצט, ווען איר וויקלט זיך

ארום מיינע פּיס,
און איר זייט גוט צו מיר,
באַדויער איך אייך, גיפּטלאָזע שלאַנגען.

איז מיר שווער געווען

איז מיר שווער געווען, —
האָב איך די שטיינער פון מיין האַרץ געוואָרפן.
זיינען זיי אין נאַכטיקן טהאָם געפאַלן,
און בלוטיקע צוריקגעשפרונגען.

האָב איך מיינע אויגן צום טאָג אָנגעשטרענגט, —
זיינען די שוואַרצע שאָטנס,
ווי אַ מאַרש פון טויטע,
פאַר מיר פאַרבייגעגאַנגען.

האָב איך אין מיטן דער נאַכט
פון אַ שטריק געטראַכט.
איז מיין לעבן מיר צו די פיס געפאַלן
און זיך געבעטן:
— זע, אַפילע כּוישעך בענקט אָן אויפהער
נאָך אַ ליכטיקייט פון טאָג.

ווער האָט אין מיטן דיינע וועגן
אַלע בריקן איבערגעשניטן?" —
איך האָב פאַרוים געקוקט

און גאַרניט געזען.
פֿאַר מײַנע פּים
איז מײַן לעבן יאָמערדיק געלעגן.

יאָרן

אָפּטמאָל,
ווען מיינע קינדער יאָרן
קומען אין מיין הויז,
זע איך מיך דאמאָלסט
אַ קליין קינד די גרוים;
צינד איך אָן אַלע ליכטער
אין גרויסן זאַל פון מיין געמיט;
הער איך זילבערנע פליימן
שפּילנדיק דאָס ליד פון מיינע יאָרן;
ווערן גרעסער מיינע שאָען,
ווערן שענער מיינע רעגעס,
וויזיעס לאַנג פאַרגעסענע
לעבן ווידער אויף אין מיין זיקאָרן.
און ווען איך זע די קינדער־יאָרן
ביי מיין טיר שוין שטיין,
רוף איך:
קינדער פון מיין יוגנט,
איך וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

צו מיינע מיטל־יאָרן
רעד איך ווי אַ דערוואַקסענער מענטש.
מיט זיי פאַרברענג איך
איבער שטויב פון ערנסטע ביכער —
שווערע וואָלקנס
אויף מיין זעל.
זיי רוף איך קיינמאָל ניט צוריק.

צו מיינע אַלטע יאָרן
וועל איך גאָרניט רעדן;
אַ פאַרמישפּעטער וועל איך אין שטילקייט זיצן
אויף דער שולד־באַנק פון מיין לעבן;
וועל קוקן און שווייגן.

ב י י מ י י ן ט י ר

אַ גאַנצע נאַכט
האָב איך געוואַרט
אויף דיר, מיין מאָרגן.
א גרויער אַלטער ביסטו געקומען.
דיינע זאָרגן — טויטע פינגער
אויף דיינע אויגן.
אַ בלינדער ביסטו געשטאַנען ביי מיין טיר.
איבער מיר,
איבער דיר,
האָבן וואָלקנס,
שווער זיך אָנגעהויבן שפּרייטן.
האָב איך געוויינט?
האָסטו געוויינט?
ווי שווערע טראָפּנס טרערן
פאַלט דער רעגן פון אַלע פלויטן.

פענטעס

זיינען מיינע טעג געווען געפאנגען,
און איבער מיינע נעכט א סאָד איז אויפגעגאנגען,
האָב איך געוויינט אויף מיינע טעג צעשוואונדענע,
און אויף די נעכט, דערשטיקטע אין פארלאנגען.

האָב איך געטראַכט:
וועל איך צעברעכן
מיינע ווענט מיט שימל איינגעדעקטע,
וועלן טעג, ווי אדלער, זיך א הייב טאָן
צו הימלען ניי־אַנטפלעקטע.

האָב איך די ווענט צעבראָכן.
דאָס פלוצימדיקע ליכט
האָט מיך פארווירט
און ווי א בלינדן אויף די גאסן אומגעפירט.

האָב איך צוריק געבענקט נאָך מיינע טעג
— געפאנגען,
און נאָך די נעכט דערשטיקטע אין פארלאנגען.

דעבס

א דערשלאָגענער שטיי איך פאַר די טורמע־ווענט,
מיינע הענט צו אים געצויגן.
דאָס ליכט, וואָס פאַלט פון זיינע אויגן,
איז ריין,
ווי ביי מענטשן, וואָס זענען זייער געווויסן
קיין כויוועס ניט שולדיק
און גאָלדיק; —
און ווי דער קלאַנג פון גאָלד, וואָס פאַלט
אויפן גרונד פון א גלעזערנער וואַזע,
אזוי פאַלט פון זיינע ליפן אויף מיין הארץ
דאָס אינטימע וואָרט:
כאַווער, כאַווער, כאַווער,
און איך פרעג:
שוועבן דען ניט פליגל פון מיין גייסט
איבער דעם קאָפּ פון אָרימן מענטשן?
שטאַרבט דען אָפּ מיין דרייסט
אין שאָ פון געפאַר?
א געשמידטער גוואַר,
איך בוי א מאָנומענט פאַר דיר

פון מיין טיפן צאַר.

עפנט אויף די טויערן פון די טפיסעס
און לאָזט אַלע פאַרברעכער אַרויס —
און ווי ענלאַך וועט איר זיין צו זיי —
און אונדז אַלע פאַרשפאַרט.
אונדז אַלע

— — — — — — — — — — — —

ביז די ראָז־רויטע געדאַנקען, וואָס שווימען
אין אונדזער בלוט,
וועלן אדורכלעכערן ווי מיט שטאַרקע הענט
די טפיסע־ווענט.

סאָבוועי

פינצטערע ליכטיקייטן
פון ניט-געפלויגענע און ניט-געשטויגענע וויכטיקייטן
הענגען, ברענען
מיט אַ טויטן ליכט-גלאַנץ
איבער די קעפּ פון אונדזער נאָך-ניט-געשטאָרבענער רו.

טעג-וואַגאַבונדן, ווילד-געצונדן,
פאַרהילט אין קרעפּיקן הויך.
עס וואָלט אַפילו דער בייזסטער נאַר ניט גערדרייסט זיין קויעך,
זייער אויסזען צו פאַרצייכענען אין וועלכן לייטישן קאַלענדאַר.

אַ גאָלדענער גענץ
און אַ שוואַרצער דארער האָר
איז דאָ דער צאַר.

אַ גאָלדענער גענץ:
אין איין פאַרמאַכטן אָרעם
האַלט ער אַ דעוויז און אַ צלם:
אין אַנדערן —

עפּעס מאָדנע האַמעטנע קיילים:
קייטן און האַמער.

עס רעדט אַ רויטער, עס רעדט אַ שוואַרצער
צו אונדז אַראָפּ פון באַלעמער
(ליגנסגליקן שיטן זיך פון זייערע מיילער,
ווי פאַלשע רענדלאַך פון פולע עמער)
פון אונדזער דערלייזונג זים: —
עס קלאַפּט און עס קאָסעט
אַלץ טויט און טויטער
דער טויט אונטער אונדזערע פיס.

שטערבלאַך אָרט

אין קליידער פון אַ קלאָון,
מיט אויגן פון דער ווייזהייט
איז ער צוגעקומען
און צו מיר אַזוי געזאָגט:
קום, דו וועסט מיט דיין באַשיידנקייט,
ווי מיט אַ האַמער, טירן קלאַפּן ניט דאַרפן;
וואו דו וועסט דיינע אויגן וואַרפן
איז אַלץ אָפן,
אָפן,
ווי די פאַרמאַכטע טירן פון אַ זוינעם הויז.
אָבער —
קלוג-אויגיקער און פאַרקליידטער נאַר:
צוליב וואָס זאָל איך אויף אַזעלכע אויפגעדעקטע וועגן גיין
און די אומשולד,
אונטער זיבנמייליקע קליידער דאַרפן באַהאַלטן?
ער האָט אַ קאַלטן קוק געטאָן אויף מיר.
אין זיינע אויגן — האַס,
אויף זיין פּנים — גרימאַס,
ווי פון אַ שטאַרבנדיקן פּיעראָ.

האָט ער זיך צו מיר געווענדט:
— מענטש פון וואָרט,
פון דיין שטערבלאַכן אָרט
קוק אַרויף צו דער זון
און זע:
זי, וועמעס ליכט איז דאָס געריכט אין טויטן־הויז,
זי אַליין לעבט דורך איר ליכט
און שטאַרבט דורך איר ליכט.

אויסגעריסענע בלומען

אין די זעלטענע שאָען פון מיין רו,
אין די בעסטע צימערן פון מיין איינזאַמקייט,
נעם איך אויף ווי אַנגעלייגטע געסט
אלע פאַרשטויסענע, אַלע ארויסגעוואָרפענע.
מיט זיי — געפאַלענע,
אויפן אויסזען הייליקע מאַרטירער —
פאַרברענג איך מיינע ליבסטע שאָען.
לעבן זיי — די פרינצן פון עלנד,
די אַטלעטן פון לעבן —
ווערט מיין לעבן צום לעבן געשטאַרקט.

מיט וואָס פאַרא הערקולעסן-קראַפט
זיי האַלטן זיך אָן אין די זיילן פון לעבן.
אין די קוואַלן פון זייערע ליידן,
וואו עס דערטרינקען זיך אָן מוירע זייערע לעצטע האָפענונגען.
שווימט מיין נעשאָמע אָן אויסגעלייטערטע
און שיינט ארויף צו הימלען פון אומענדלאכער פרייד.

די באַרימקייט קאָן מאַכן פון א ליאַדע מענטש איבער איין
נאַכט א העלד,
אָבער וויפל מאַרטירער-יאָרן דאַרף איינער ציילן,

ביז ער דערגרייכט צו דער געהענעמדיקער שיינקייט
פון אַן אַרויסגעוואָרפענעם,
פון אַן אַרויסגעשטויסענעם.

דאָס געבורט פון ליד

אין דעם גרונט פון מיין נעשאָמע
ליגן אויצרעס.
איך ווייס ניט ווי זיי צו געפינען.
לאָז איך מיך ארום
מיט באַלויכטענע הענט,
אויף די געדרייטע וועגן
זוכן אויצרעס,
וואָס ליגן אין דעם גרונט פון מיין נעשאָמע.

איך קום צוריק אַ מידער:
לערע הענט
און צווייפל אין די אויגן.

נאָר טיילמאָל אין מיטן טאָג,
נאָר טיילמאָל אין מיטן נאַכט —
דערזע איך אַ ליכט אויפגיין
פון דעם כוישעך פון מיין וועזן.
דאָס איז דאָס געבורט פון ליד.

צו אַן אַלטן פּאָעט

איך וואָלט לעבן דיינע פּיס געזעסן
און מיט דער פרומקייט פון אַ מאַסמיד
וואָלט איך זיך איינגעהערט
צו דער כאָכמע
פון דיינע פילע יאָרן,
פון דיינע רייפע יאָרן.

אין בעסטן צירונג-קעסטעלע
וואָלט איך דעם שטויב פון דיינע פּיס געזאַמלט,
קעדיי דערמיט זיך צו רימען
פאַר מיינע קינדער.

אָבער צוליב דיין איינגעקאָרטשעט קאַמצן-האַרץ
האָט דיר די עלטער
מיט אַ פּאָר נישט פאַרגינערישע אויגן באַשאָנקען.
דיינע יאָרן האָבן אויף דיין פּאָנים נישט מיטגעבראַכט
די גוטמוטיקייט פון אַ פילאָסאָף,
די גערעכטיקייט פון אַ צאַדיק.

אין אַ נאַרן־קאַראַהאַד,
מיט גראַשענע ליכטלאַך אין די הענט,
בראָיען אינגלאַך ארום דיר:
קיינער איז נישט געווען פאַר אים,
קיינער וועט נישט זיין נאָך אים.

מיט דעם ליגן וואָס דו האָסט די אינגלאַך פאַרטרויט,
לעבסטו דיינע לעצטע טעג.
נישט איין מאָל,
אין נאַכטיקע האַלוצינאַציעס,
שרייט ארוים פון דיר:
— קיינער איז ניט געווען פאַר מיר
קיינער וועט נישט זיין נאָך מיר.

מיינע געדאַנקען

מיינע געדאַנקען
זיינען איצט אומרואיק און צעטראָגן,
ווי יונגע פייגל מיט געזאַנג אין זייערע שנעבלאַך,
רייסן זיי זיך פון הינטער די טירן פון מיין פאַרשטאַנד
צו דער שטאָט.
אָבער ווי נאָר זיי דערגרייכן
די דורכזיכטיקע פענצטער פון מיין סייכל
בלייבן זיי שטיין אָפּהענטיק און דערשראָקן —

ניט קיין וואונדער:
זיי הערן די הינטער־פּלייצעדיקע רייד פון יודאַ,
זיי זעען דאָס פילדערדיקע פּאָנעם
פון דער ליטעראַרישער זוינע,
זיי פילן די גייסטלאָזע הענט
פון דער קריטיק אויף זיך.

אָבער מיט טרייסטנדיקע רייד
און מיט הענט פון אַן אַלכעמיקער,
נעם איך זיי פון מיין קאָפּ אַראָפּ — אין האַרץ אריין.
מיין פרוילאַך זי־האַרץ
מוטערט זיי אין איר שוים,
דורך מיין פּאָטערלאַכן איינפלום
קריגן זיי דרייסט און לעבן.

שפּעטער,
נאָך מער געוואָגט פון מיר,
ווען זיי טראָגן זיך איבער דער שטאָט מיט געזאַנג,
פאַרמאָגן זיי שוין
— שנאָבל און נעגל,
פאַר קופּערנע שטערנס.

סוף

ריווקע

פון מיין בלאָס געוואָרן בלוט,
פון מיינע אויפגעוועקטע ווייען,
פון די געשטאָרבענע פון אונדזער הויז
שרייב איך.

דיינע האָר — —
שוואַרצע בלומען אויף דיין קיווער;

דיינע וויעס,
וואָס פלעגן זיך צונויפשפינען
איבער די אויגן פון דיין זענזוכט;

דיינע הענט,
וואָס פלעגן פאַרשטעלן
דעם אָנבליק
פון יעדער גיריקייט;

די סענסיוויטעט
פון דיין פיגור,

וואָס פלעגט דערפילן
דעם קלענסטן ניואַנס פון אַ פרעמדן פאַרלאַנג —

דערמאָנען מיך אָן דיין לעבן,
דערמאָנען מיך אָן דיין טויט.

קינדער פון גרויסן אומגליק

קינדער פון גרויסן אומגליק —
ציען מיר, ווי שמעטערלינגען
אין טונקעלע וועגן,
צום פייער פון אונדזער גליק;
וויפל פון אונדז קערן זיך אום צוריק?
ווי די פארברענטע שמעטערלינגען
ליגן מיר ביי די טויערן פון אונדזער גליק.

הידרע

קיינע וועגן פירן שוין ניט מער פון מיר צו דיר.
די לעצטע שפורן זענען אויך שוין אָפּגעווישט
אויב עס קושט מיך נאָך ווען אַ געדאַנק וועגן דיר,
שטאַרבט ער אויך אָפּ איידער ער דערגרייכט מיין האַרץ.

אונדזערע טעג — בלוי־ליכטיקע אַפילע אין דעם סאַמען כּוישעך —
בלייבן זיך און וועלן באַלד פאַרשווינדן
אונטער די שוואַרצע דעקן פון נעכט פאַרגאַנגענע,
דאָך פון דעם לאַבירינט פון מיין זיקאָרן
קאָן איך דיר שוין ניט אַרויסשטויסן.

מיין האַנט איז שוין מיד.
אויפן בלאַנק פון שווערד גליווערט שוין דאָס בלוט
פון דיינע געפאַלענע קעפּ,
פון יעדן פאַל שפּרינגט אַ נייער קאָפּ אַרויס אויף דיר.
און דיינע פאַרדאַרבענדיקע אויגן קוקן מיט טויט אויף מיר.

וועמעס קאָפּ וועט דער לעצטער פאַלן?

געבורטסטאָג

גרויער טאָג,
דיין בייז מעלאַנכאָליש געשטאַלט
וויינט אויף מיינע שויבן.
דיינע שאָטנס, ווי מערדער־הענט,
כאַפּן מיך אַרום
און ס׳איז נישטאָ קיין אָרט וואו צו אַנטלויפן.

בייזער טאָג,
דו האָסט מיך פאַר דיין ציל־ברעט געמאַכט.
געלע פיילן פון דיינע קעצישע אויגן
יאָגן זיך אין מיין האַרץ און פאַרוואונדן עס.
נעכטן האָב איך נישט געטראַכט פון דיר.
אָבער היינט האָב איך דערפילט,
אַז נאָך איין אָפּגעהאַקטן קאָפּ,
אויף אַ זילבערנער טאַץ
טראָגט ווער אַנטקעגן
צו די קעפּ פון מיינע געפאַלענע יאָרן.

ער

דערגרייכונגען אין געפעכט
זיינען בלויז
די קליינע אַפּרו־אַנטראַקטן,
די דראַמאַטישע אַקטן,
ווי גוט מיר זאָלן זיי ניט שפּילן —
איז ער אַלץ דער זיגער.
מיר זיינען צומאָל בראַווע קריגער.
מיט פרישע וואונדן
לויפן מיר דרייסט,
לויפן מיר פייג אין שלאַכט,
אַלע אַלטע ראַנעס — פעסט פאַרבונדן.

מיר האָבן אַלע ווער־מיטלען
דאָ אַהער צונויפגעבראַכט:
קונסט, אידעאַלן עמעסע, געפעלשטע טיטלען
און פאַרשידענע אָפּיום־אילוזיעס,
וואָס שפּרייטן זיך
ווי קאָלירטע נעפּלען איבער אונדזערע געהירן.
אָבער — — —

מיר ווייסן שוין פריער,
אַז אונדזער יעדער ריר
אין שטריים איז פאַרלוירן.
זיין לער אויג
קוקט שטאַר אויף אונדזערע זיגן,
פון זיינעם אַ נויג
גרוילט יעדער אינטערוואַל.
ווי אַ ניט באַזיגטער גענעראַל
טראָגט ער זיינע טויט־טראָפייען איבער דער וועלט.

פאָרטרעט

א דינע שיכט
פון קאָלירלאָזע האָר
דעקט קוים צו איר שאַרבן.
ביי יעדן אויפלויכט
זעט זיך איר נאַקעטער קאָפּ אַרוים.
אין ליידיקע טעג
שטייט זי — אַ שאָטן פאַר איר הויז.
פאַרביי איר
קומען מענטשן אָן,
גייען מענטשן אָפּ,
ווי צופלום און אָפּפלום אויף יאַמען.
זייער געלעכטער
פאַלט אויף איר ברוין פייכט פּאָנים —
הערבסט-בלעטער אויף אַן ערד,
וואָס האָט קיינמאָל קיין פרילינג נים געזען.
אויף זייער טרויער
ענטפערט זי אָפּ
מיט ביטערע בייזע אויגן,
וואָס האָבן קיינמאָל קיין אָדעם.

צו דער ליידנשאַפט ניט געזונגען.
נאָר ביינאַכט
טראָגן זיך אירע זיפצן צו מיין פענצטער,
ווי דאָס פּיעשטשען פון קראַנקע פייגל.
אירע זיפצן פאַלן אויף מיין געמיט
שווערער פון פיין,
שווערער פון טרערן.

צו א שיינהייט

די קינדער פון דיין שטיפערישער יוגנט
ליגן שוין טויט אין דיינע אויגן;
און וואָלט איך ווייסע בלומען
געטונקען אין דיינע טרערן,
וואָלטן זיי רויט,
רויטער ווערן.
עס האָט דיך אַ בייזער גאָט
פאַר זיין לוסט באַשאַפן,
און זוכט דיך אַצינד צו צעשטערן.

דער שטאַרבנדיקער בוים

עס טוט מיר ווי דער לאַנגזאַמער טויט
פון דעם קאַלאַסאַלן בוים.
זיין דיקע צעפּלאַצטע קאָרע
טראָגט שוין מער ניט דעם זאַפט
פון זיין אינערלאַך לעבן:
איז זי צעשפּאָלטן
ווי די ליפּן פון ריזן אין פיבער.
זעען זיינע צווייגן אויס,
ווי פאַרצווייפלטע הענט
אין לעצטן קאַמף מיט אַ מיד־געוואָרן לעבן.

עס טוט מיר ווי דער ריזן־טויט
פון דעם קאַלאַסאַלן בוים.
זיינע וואָרצלען שפּאַרן ארויס פון דער ערד
אָנגעשטרענגטע, —
קראַמפּהאַפטע פינגער
בעשאַם די אויגן קוקן דעם געפּאַר
גלייך אין פּאָנים אַריין.
מיט די לעצטע קויכעס האַלטן זיי אויף

דעם קראַנקן ריז ער זאָל ניט פאַלן.

עס טוט מיר ווײ די מאָרע־שכוירע
פון דעם קאָלאָסאַלן בוים.
זײַנע לעצטע טעג הערן זיך אײַן
צו דעם געזאַנג פון די דערבײַיאיקע בײמער.
אויף זײַנע נאַקעטע צווײַגן
הויערט זיך רואיק די גרויע שרעק.
פאַרבלאָנדזשעט ווען אַ פויגל
אויף אַן אָפּגעריסענעם, אָפּגעשליסענעם צווײַג,
כאַפּט ער זיך אויף מיט אַ פאַרוואונדיקטן קווייטש
צו דער זיכערקייט פון אַ באַוואוינטן בוים.

אין קעגנוואַרט פון טויט

וואָס האָט דיך אַזוי דערשראָקן?
דיין אַנגסטיקער בליק,
דיין בלאַס־געוואָרן פּאָנים —
א נאַכט פון טרויער געפאַלן אויף מיינע אויגן,
דיין ציטערן — אַ ווינטער ווינט
קילט אין מיר יעדן ביין.
דיין איינגעהאַלטן געוויין —
צעלאָזטער קרישטאָל פאַרגליווערט
אַרום דיינע וויעס.

וואָס האָט דיך אַזוי דערשראָקן?
האָסטו דאָס ערשטן מאָל
דאָס שטומע קאָל פון טויט געהערט?
אַ פערד,
וואָס האָט מיט שאָען צוריק געלעבט,
איז פאַר אונדזערע פּיס געלעגן,
זיין קערפּער אָנגעבלאָזן,
זיין האַלדז שטייף און איינגעצויגן,

ווי עס וואָלטן זיינע אָדערן זיך אין דראָט פאַרוואַנדלט.

ווער קאָן אַ צופאַל דען באַהאַלטן?
אויסטערלישע געשטאַלטן
האָבן נישטיקייט אונדז אין פּאָנים געוואָרפן.
דו ביסט אײנגאַנצן אַ פאַרענדערטע שוין געשטאַנען
און האָסט קיין וואָרט ניט געקאָנט זאָגן.

ווער האָט די היסטעריע אין דיר
מיט בייטשען אָנגעהויבן יאָגן?
איך האָב דיך קעמאַט אויף מיינע הענט אהיימגעטראָגן.

און אין הויז —
ניט דאָס שטילע איינגעהאַלטענע ליכט,
וואָס האָט דיר מאַיסעלאַך פון רו דערציילט.
ניט די גוט-באַקאַנטע זאַכן פון אונדזער שטוב,
וואָס האָט צו דיר פון אונדזער אינטימיטעט גערעדט.
ניט דער קילער הויך פון מיינע גוטע רייד
האָט דיר דיין רו געקאָנט צוריקגעבן.
דער סאַם פון טויטן פערד
האָט אויף אייביק פאַרפלעקט דיינע פליגל.

אויפֿן וועג צו מיר

די ערד האָט מיך אויפגענומען

איך האָב מיך אויפגעהויבן —
אונטער מיר האָב איך דער ערדס וואַרעמסטע האַרץ דערפילט;
אַ שטים פון אַ ווייטן נעפּל — קלאָר
ווי דאָס שטרענגסטע אַדורכגעליטן וואָרט פון פּאַעטישער וואָר —
האָט ווי אַ פּראָפעטישע וויאָלין געשפּילט: —
„גאָלעסדיקער פרעמדער,
איך וויל דיך ווי דעם געקרייציקטן קיניג,
און גיב אין דיין רעשות דעם מעהוס פון אַ פרעמדער וועלט
ארום דיר: —
זע — באַפעל — לייז אוים — אָדער מאַך אים אונטערטעניק.

איך שענק דיר נאָך וואָפן:
צויבער — צו באַלעבן שקלאַפן פון ווערטער מיט מיין גייסט,
אַ וואָרט־שווערד
צו שטעלן זיך אַפילע קעגן דעם געטרייסטן פאַרלאַנג פון
פריינטשאַפט;
איך גיב דיר זיכערקייט פון יעכידעס;
די מידעס פון איינזאַמקייט,
די לאַבאָראַטאָרישע פריזמע

וועמעס געשליפן קרישטאָלן לייב
שפּיגלט און צעטיילט
דאָס קאָמפּליצירטע וועזן — לעבן
אויף אַלע אירע כעמישע באַשטאַנדטיילן — — —

אין שרעק און אין וואונדער
האָב איך זיך איינגעהערט צו דער מיסטעריעזער שטים
צו וועמעס געשטאַלט די נאַכט האָט מיך בלינד געמאַכט
און פאַרשטעלט פון מיר דעם מימישן מיין
פון דעם פרעמדנס קאָלס באַדייט: —
„גאָלעסדיקער פרעמער!
דער אריינגאַנג צום לעבן איז דורך דער בילעט-טיר — לייד“.

דער אויפלייז אין פיין

אַ לייד,
מיט וויפל זונפעדעם גאָט־טראַכטיק
האָט זיך דיין אינדערנאַכטיק געשטאַלט
אַזוי צויבערדיק צעשטראַלט אין מיר.
עפן אויף דיין ליידן־טיר
און פיר מיך דורך איר —
דעמזעלבן מאַרטיר־ און טריאומף־וועג
ווי דיינע גאָר זעלטענע קינדער אין דער געשיכטע.

אַ לייד,
שוין אַזויפיל יאָרן
ווי כ׳גיי מיט דיר אַזוי עזאָטעריש אין שפּאַן.

אַ געליבטע,
אַפּהיטעריש פון יעדן פאַראַט —
דיין יעדע מאַטאַנעדיקע טאַט
ווי אַ פּילגרים־שיין
איז אוילע־רעגל צו דעם אַלטאַר פון מיין נעשאָמע.

מיין לויב דער ערד

מוטער ערד —
דו וואָס האָסט נאָר-וואָס
מיין זעליקייט און ערדישן ווערט דערקאָנט.

אָ דו, —
וועמעס ווייטער באַדייט פון האַרץ
איז געוואָרן מיר אַזוי נאָענט.
מיט געבויגענעם קאָפּ,
אויף מיינע בעטנדיקע קני,
דערקען איך דיין זעליקע גענאָד.

מוטער-ערד —
ווי פאַרליבט נעם איך איצט אויף
דיין יעדן באַוועג
— — אונטער מיר,
ווי באַרוישט איך פיל
דעם האַרץ-רעג
פון יעדן ריר
פון דיין אַלץ-ארומנעמענדיק גאַר, —
איך פיר עפנטלאַך מיין האַרץ אַרוים

און ענטפער דאָס איבער
דיין גאָט-באַלויכטענער שוים — —

אַ מוטער,
דו וואָס האָסט מיך נאָר וואָס געבענטשט
מיט דעם אָפּשיין פון געזאַנג און וואָרט:
פון דיינע פאַרטראַכטסטע הויכן,
פון דיין טיפסטן אָרט
קומט צו מיר באַגריסונג-געזאַנג און וואָרט
און דרייסטע פליגל
צו מיין וואַכיקן טאַלענט;
דיין גאַנצן עלאַסטישן קערפּער,
וואָס פורעמט אונדזער גאָרע וועלט,
נעם איך איצט אַרום מיט מיינע רעלאַטיווע הענט.

אין דער פינצטערניש זוך איך זיך

פון אַלע פאַרגעסענע און פאַרדעכטיקע וועגן
האָבן זיך צונויפגענומען — אין איין שווארצן בונד —
אַלע נאַכטיקע אָטאָמען — קעגן מיר:
ניט קיין נעשאָמעדיק קאָל פון אַ גליקלאַכער טיר,
ניט קיין מעסיקעסדיק געזאַנג
וועקט די אויערן פון מיין נייגער,
און ניט קיין באַלוינענדיקע און באַלדיקע טרייסט
פון ווייט-נאָענטע עכאָס
מאָנט אין מיר דערינערונגען פון וייטן אַמאָל,
פון דעם טאָעסדיקן איצט,
און ניט דורך ליכטיקע אָנזאָגנדיקע בריקן
שניצט ווער פייער-פליגל — בסורעס-גליקן
אין דער קייווערדיקייט פון דער נאַכט.
וועלכע פאַטאַלע מאַכט
און ניט-פאַרזיכטיקע האַנט האָט מיך פאַרשניטן
און ווי אַ שיקכעדיקע זאַנג געלאָזט אויף שווארצן פעלד?
ווי עפּעס אַן אָטאָמאַטאָן —
זינק איך,

זינק
אין דער ברונעמדיקער און בלינדער טיף פון דער נאַכט
טיף,
טיפער.

אַ דערבאַרמדיקע הענט!
אַ הענט פון הילף,
אַ פריינטלאַכע־פיינטלאַכע הענט —

און מיינע הענט? —
צוויי געבראָכענע דריי־עקן —
פאַלן
און שטרעקן זיך הילפלאָז
אין לערן פּאָנים פון דער נאַכט.
מיט מיין גאַנצער טראַגישקייט
זינק איך
אין נאַכט־פלאַמיקע אַגאָניעם

— — — — — — — — — — — — — —

פלוצים, מיט אַלע צוזאַמענע קרעפט אין איין באַהעפט:
אַ בליציקער אויפריים —

זיין! — — — — — —
גאָט! — — — — — —
זיין! — — — — — —
און באַלד האָט אין מיין האַרץ טאָגן אָנגעהויבן
און אין מיינע אויגן האָט דער מאָרגנשטערן געוויינט.

מיין וועג דורך מיר

איך בין געגאַנגען.
מיינע לופּטיקע געפליגלטע שפּאַנען
האָבן זיכערע פּיס געפּילט אונטער זיך.
דער איינגעקאָקשנטער און האַרביקער באָדן
איז ווי דאָס יונגע לייב פון אַ פינקלדיקער טעראַסע
געלעגן אונטער מיר

אָבער דער וועג — אַ סעזאַמע-טיר —
איז נאָך ווייט געלעגן פון טאָגיקע לאַנען.

איך בין געגאַנגען
ווי פון פאַסטוך-ווינטן געטריבן
און אַלץ אויפן וועג פאַרבליבן.

אַ שווערער וועג!
שטאַרק מיינע פּיס אין גאַנג —
מיין הארץ האָט געגעבן געבורט צו געזאַנג.

גלייך מיטן מאָרגן
וועל איך בעטן ביי די געטער געדאַנק.

מויערן

הויכע שטאָטמויערן
האָבן מיט פּראָסטיקן און פינצטערן גלייכגילט געקוקט אויף מיר.
פון דעם סאַמע ענגן האַרץ פון דער פרעמדער שטאָט
איז אַ פיינטלאַכע קעלט מיט מעסער אויף מיר געלאָפן.
פון אַ הויכן פענצטער האָט אַ געשוואָלן אויג
מיט רויט־וויעדיקן פאַרדאַכט געלויערט:
בין איך דאָס דער הייליקער גאַנעוו
אין דער לעצטער שאָ פון אַ צויבערדיקער נאַכט
געקומען רויבן צירונג פון פאַרשטאָרבענע געטער?
אָבער מיין האַרץ, אַ בראַווער שוימערדיקער רעטער,
האָט מיר פאַרזאָגט: זאָל דער פאַכדן פאַלן פון שרעק!
גיי דיין אויסדערוויילטן וועג,
מיט נייע לידער־פּיילן — זיי גרייט!
קעגן דעם געשווילאַכץ פון דער צייט.

גוט מאָרגן איך בין דאָ

איבער הויך־שטאָטישע שטיינערנע און סקעלעטישע ריזן
האָבן זיך שטראַליקע שלוכים פון מיזראַך מיט אורליכטיקע אויגן
אויף אַ צעקאַרבטן בלוי־געוועבטן הימל באַוויזן.

אפיר פון ברענענדיקע און לאַקנדיקע פריזן
פון יונג־רויט פון לייכטנדיקן מאָרגן־גאָלד,
האָט אדורכגעוואָלט א בלאָנד־זוניקער גליענדיקער קאָפּ,
געהילט אין גלויביק־שייניקע אָרעאָלן.

אויף באַלויכטענע און זונגעליישטע קופּאָלן,
אויף העל־ און הויך־גלויביקע מינארעטן
איז אַ יונגער טאָג מיט אויפלויכט פון באַגין
און הייליקער פייערלאַכקייט אויפגעטראָטן.

מאַגישע און וואַרימע בלינקענדיקע אויגן
ווי די קישעף־נעסטיקע פייער־קאָלירן אין רעגנבויגן
און זונפאַרבן אין פריזמאַטישע שטיינער־קרישטאָלן —
וואַרפן בליקן אויף אויפגעוואַכטע הייזער, קלויסטערס און שולן.

לופטיק־בלוי לאַזור־קאָלירן. זונס אויג
איבער יעדן שאָעדיקן פאַרנויג,
זון־געזאַנג אין עפּיר — ביז דער נאַכטיקער שאָ: —
גוט מאָרגן, איך בין דאָ —

גרויסטאָג

האַמער. האַמער. האַמער.
די קוזניע פון טאָג איז שוין אָפן.
דער פאַטאַלער שמיד אין בראָנזענע קליידער
(פּראָמעטעאוס-ליכט גריסט זוניק זיינע אויגן)
איז שוין אין סאַמע פליים פון זיין אַרבעט.

פון זיין קאָוואַדלעס פייער-בעט
קומען מיר אַלע, ווי מיר זענען, אַפיר:
ווער גאַנץ פאָרמירט, ווער האַלב פאָרמירט,
ווער ווי די לעצטע ברוכשטיקער
אין אַן אַטעליע פון אַ שיקזאַליקן סקולפּטאָר.

ווער ס׳לויכט אויף ווי אַ פלוצימדיקער מעטעאָר
און פאַלט ווי אַ רוימיקער שטיין צו דער ערד,
ווער, וועמעס טואונגען און ווערט
קריצט איין ווי מיט אַ פייער-שווערד
אייביקע אָרנאַמענטן אויף שטערן פון דוירעס;

ווער ס׳פּראַלט זיינע אָרעם-גייסטיקע באַגרעס-יאַילעס
ווי הענדלער זייערע טאַנדעטנע סכוירעס-מאַילעס
אויף וואַלוועלע מערק פון דער וועלט;

ווער עס צעשטראלט זיין עגאָס אווראָראַ באָרעאַלים
און זיין הערמעט-געצעלט ווערט דער אַריינגאַנג און דער
שטאַנדפּונקט פון דער וועלט;

ווער ס'טראָגט א פרום פּאָנים אָנגעשטעלט
און גיט זיך און זיין ליד אָפּ — אַ פּאָעט! —
ווי די הייליקע זוינע דעם וואולגאַרן מאַטראָס
און הענגט פּאָפּולער ווי אַ שוין אָפּגעריבענער אָס
אויף אַן אָפּגעבליאַקעוועטן שיר-האַמאַילעס אויף יעדן קימפּעטבעט.

האַמער, האַמער, האַמער,
די קוזניע פון טאָג איז שוין אָפן,
ווער ס'איז פון גאָטס שאַרוויט-האַזאָעוו געטראָפן,
דער אַליין איז גייסטיק שוין געוואָרן:

אָ ווערלען! פראַנקרייכס מייסטערזינגער,
פאַרגיב מיין לידס זינגענדיקע דרייסט,
פאַרגיב מיין געדאַנקס געדאַנקלאַכן אָפּוועגד
קעגן דיין פּאָעטישן אַרגומענט:

לעגאַבע דיין מוזיק-טעאָריע
שלאָג איך פּאָר — גייסט!

אונדזער גאָטס העכסטע אינסטאַנץ,
דאָס וואָרט זיין געטרייסטער דינער —

גייסט און וואָרט (אין איין אמאלגאם) אין לידס גאַנג
ווערט מוזיק אין אַלע ספערן:
פריער גייסט, איבער אַלץ גייסט!
שפּעטער וועל איך דיין מוזיק אויסהערן.

פ אָ ס ט ל ו ד

איך האָב ווייניק געלערנט אַ סאַך צו וויסן.
אָבער איבער דעם ניט־גרויסן שעטאַך
פון מיין פאַרשטאַנד
האָב איך די זון
פון מיין זכום אָוועס אויפגעהאנגען.
איך האָב טיפע און ברייטע קאַנאַלן
אויף די וועגן וואָס פירן צו מיין א י ך
אויסגעגראָבן
קעדיי די כאָכמעס פון דער וועלט
זאָלן אַהין אריינשטראָמען,
און אַזוי אָרום
רייכער מאַכן מיין פאַרמעגן.